השלמה
משנת תשפ"ג

מכון מעדני מלך
ווין

# שיחות קודש

## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

**פרשת בהר - בחוקותי שנת תשפ"ג לפ"ק – חלק א׳**

## בסעודת ל"ג בעומר

יום ב׳ פרשת בהר - בחוקותי תשפ"ג לפ"ק

**עס** איז היינט א גרויסער טאג, ל"ג בעומר. אין נגלה איז דער ענין פון ל"ג בעומר פארבינדן מיט רבי עקיבא, ווייל אין די ספירה טעג זענען געשטארבן די תלמידים פון רבי עקיבא, ופסקו למות, ל"ג בעומר האבן זיי אויפגעהערט צו שטארבן, איז געווען א שמחה. אין די חסידישע וועלט, ביי די מקובלים, איז דער עיקר פון ל"ג בעומר א זכר אויף רבי שמעון, עס איז די יומא דהילולא פון רבי שמעון, איז עס א יום טוב.

**עס** איז נישט קלאר וואס עס איז פונקטליך געווען אין די יומא דהילולא פון רבי שמעון, צו אין דעם טאג איז ער נסתלק געווארן, צו אין דעם טאג איז ער געבוירן געווארן. עס איז דא וואס זאגן, אז אין דעם טאג איז ער ארויס פון די מערה, וועגן דעם איז עס א יומא דהילולא. און א טייל שטעלן צוזאם ביידע, אז רבי עקיבא'ס תלמידים זענען דאך געשטארבן, והיה העולם שמם, עס איז געווען א חורבן אויף די וועלט, אזויפיל תלמידי חכמים זענען אוועק. און רבי עקיבא איז נאכדעם געגאנגען אויף דרום, און ער האט אויפגעשטעלט פינף תלמידים, און פון די פינף תלמידים איז איינער געווען רבי שמעון. קומט אויס, אז ל"ג בעומר קומען זיך צוזאם רבי עקיבא מיט רבי שמעון צוזאמען. עס איז מתו תלמידים פון רבי עקיבא, און ל"ג בעומר האט ער אנגעהויבן צו לערנען מיט די נייע תלמידים. א טייל זאגן אז ל"ג בעומר האט ער מסמיך געווען די פינף נייע תלמידים, צווישן זיי איז געווען רבי שמעון, דאס איז די יומא דהילולא פון רבי שמעון. - עס קען אפשר זיין א ענין וואס איז נוגע צו ביידע, צו רבי עקיבא מיט רבי שמעון.

*

**די** גרויסקייט פון רבי שמעון, איז דאך שווער אפילו מסביר צו זיין. מען קוקט אריין אין הייליגע ספרים, אין זוהר הק׳, און וואס עס שטייט ביי אונז אין די גמרא (שבת לג), ווי אזוי ער האט זיך געפלאגט אויף לערנען. צוועלף יאר איז ער געזעסן אין די מערה, שם למד סתרי תורה, מיט אזא דביקות, נישט עסן, נישט טרינקען, נישט שלאפן, נאר זיצן אין זאמד, און לערנען תורה. מען זאגט (בפיוט ואמרתם כה לחי), ושם נברא מעין לו, וחרוב למאכלו. אין פשטות לערנט מען, אז עס איז באשאפן געווארן א מעין, ער זאל האבן וואס צו טרינקען, און א באקסער בוים, ער זאל האבן פון וואס צו עסן.

**ושם** נברא מעין לו, דארט איז ער באשאפן געווארן א מעין! אז רבי שמעון איז געווען אזא מעין המתגבר, וואס ער האט שפעטער מגלה געווען אלע סתרי תורה, דאס איז ושם נברא, דארט איז באשאפן געווארן, מעין לו, אז ער איז געווארן א מעין. ווי אזוי איז עס באשאפן געווארן, ווייל וחרוב למאכלו, ער האט חרוב געמאכט זיינע עסן, נישט געגעסן און

נישט געטרינקן. כך היא דרכה של תורה, פת במלח תאכל ומים במשורה תשתה, וואס אפילו דאס האט ער אויך נישט געהאט, וחיי צער תחיה, וועגן דעם האט ער זוכה געווען צו זיין גרויסקייט.

*

**אין** זוהר הק' ווערט צוגעברענגט צוויי ענינים אויף רבי שמעון. איינס (ח"ג קמד:), אז רבי יהודא האט גערופן רבי שמעון, 'שבת'. אזוי פלעגט רבי יהודא אים צו רופן. ער האט געזאגט, אין פסוק (שמות כ-ט) שטייט שבת לה', און קודש לה', און די זעלבע איז רבי שמעון, רבי שמעון איז שבת לה', און ער איז קודש לה'. פון שבת ווערט געבענטשט די זעקס טעג פון די וואך, און פון רבי שמעון ווערט אויך געבענטשט די זעקס טעג פון די וואך. ליגט דאך דא עפעס א קשר פון רבי שמעון, ער האט אים גערופן 'שבת', איז דאך דא עפעס א ענין פון שבת, וואס איז פארבינדן מיט רבי שמעון.

**מען** ברענגט צו א זוהר הק' (ח"ב לח.), אז דער זוהר הק' שרייבט, ביי עולה רגל זיין שטייט (שמות לד-כג) שלש פעמים בשנה יראה כל זכורך את פני ה' אלקיך. מאן פני ה' אלקיך, ווער איז דער פני ה' אלקיך, דא רבי שמעון. יראה כל זכורך את פני ה' אלקיך, גייט ארויף אויף רבי שמעון. מען ווייסט, אז דער **יעב"ץ** איז געווען זייער שארף. אין איינע פון זיינע קונטרסים וואס ער האט ארויסגעגעבן, שרייבט ער, אז עס איז דא שטיקלעך אין זוהר הק' וואס זענען נישט קראנט. און צווישן דעם רעכנט ער אויס דעם שטיקל זוהר הק', און ער זאגט, אז ח"ו צו זאגן ווען מען רעדט פון פני ה' אלקיך, אז עס גייט ארויף אויף א בשר ודם. נאכדעם זאגט ער עס צו פארענטפערן, אז נישט דער פני ה' אלקיך גייט ארויף אויף רבי שמעון, נאר 'את' פני, די גמרא (פסחים כב:) דרשנ'ט, 'את' ה' אלקיך תירא (דברים ו-יג), לרבות תלמידי חכמים. דער 'את' פון פני ה' אלקיך, דאס גייט ארויף אויף רבי שמעון, אבער פני ה' אלקיך, דאס קען מען נישט זאגן אויף א מענטש. - נו עס שטייט דאך אין זוהר הק' אזוי, איז דאך טייטש אז עס איז דאך דא עפעס א ענין פון רבי שמעון, וואס דאס איז פני ה' אלקיך.

**אין** בר יוחאי זאגט מען, בר יוחאי יוד חכמה קדומה, השקפת לכבודה פנימה. גאנץ בר יוחאי איז אויסגעשטעלט אויף סתרי תורה. מען דארף קענען קבלה, כדי מען זאל פארשטיין וואס מען זאגט דארט. אבער אין קבלה אליין איז אויך דא עברי מיט טייטש, וואס יעדער קען פארשטיין. רבי שמעון איז יוד חכמה קדומה. דער שם הוי"ה איז י-ה-ו-ה. אין די אותיות פונעם שם הוי"ה זענען דא אלע עשר ספירות, וואס צווישן זיי איז דא חכמה בינה ודעת. דער יוד פונעם שם הוי"ה דאס איז חכמה. ווען מען וויל ארויסברענגען אז רבי שמעון איז געווען גרויס אין חכמת התורה, זאגט מען אויף רבי שמעון, יוד חכמה קדומה, ער איז דער יוד, וואס דארט איז מרומז חכמה, וואס חכמה ווערט אויך אנגערופן קדומה. השקפת לכבודה פנימה, כבודה גייט אויך ארויף אויף חכמה, פנימה, אין פנימיות פון חכמה. רבי שמעון האט אריינגעקוקט, ער האט עוסק געווען אין סתרי תורה. על כל פנים ער רופט אן רבי שמעון, אז ער איז יוד חכמה קדומה.

**אין** ואמרתם כה לחי שטייט אן אנדערן טיטול אויף רבי שמעון, נחמד מאוד למעלה, זכה ליקר וגדולה, כתר עליון לו נגלה, דער כתר עליון איז פאר אים נתגלה געווארן. וואס מיינט אז דער כתר עליון איז פאר אים נתגלה געווארן.

*

**אויף** די גרויסקייט פון רבי שמעון, געפונט מען אין די גמרא (סוכה מה:), אז רבי שמעון האט געזאגט, יכול אני לפטור את כל העולם כולו מן הדין, מיין זכות איז אזוי גרויס, אז איך קען פטר'ן די גאנצע וועלט פון דין, מיום שנברא העולם עד עתה, פון ווען די וועלט איז באשאפן געווארן, ביזן היינטיגן טאג. רש"י טייטשט, ווייל ער האט געקענט נעמען אויף זיך סובל צו זיין די עוונות פון יודען, אז עס זאל נישט זיין אויף זיי קיין דין. דער **מהרש"א** זאגט, אז ער האט געהאט אזויפיל צער די צוועלף יאר וואס ער איז געווען אין די מערה, אז די יסורים איז געווען גענוג אז עס זאל קענען אפמעקן אלע דינים פון גאנץ בריאת העולם.

**אין** די תשובות פונעם **ברעזשאנער רב זצ"ל**, דער **מהרש"ם**. אין אנהייב פון דעם צווייטן חלק, איז דא אן הקדמה. און דארט שרייבט ער א הספד, וואס ער האט געזאגט ביי די הקמת המצבה פון זיין רביצין, וואס איז געווען ל"ג בעומר. און ער זאגט אויף דעם וואס רבי שמעון זאגט, יכול אני לפטור את כל

העולם כולו מן הדין, רבי שמעון האט געהאט א כח צו פטר'ן די גאנצע וועלט פון דין. וואס איז געווען דער כח פון רבי שמעון וואס ער קען פטר'ן די וועלט פון דין? זאגט ער אזוי, אז די גמרא (סנהדרין צא.) זאגט, אז אנטונינוס איז געווען זייער נאנט מיט רבינו הק'. און אנטונינוס האט אמאל געזאגט פאר רבי, ער פארשטייט נישט. ווען די גוף און די נשמה וועלן דארפן אפגעבן דין וחשבון אויבן, קען זיך יעדער איינער פטר'ן פון זיין דין. דער גוף וועט זאגן, איך האב נישט געזינדיגט, איך בין א גוף, קוקטס אן ווען די נשמה איז אוועקגעגאנגען פון מיר, איך ליג דא, איך קען גארנישט טון. איך קען נישט גיין, איך קען נישט רעדן, איך קען נישט טון קיין שום זאך, האב איך דאך נישט געזינדיגט. די נשמה וואס איז דא אין מיר, דאס האט געזינדיגט. די נשמה זאגט, זייט איך בין אוועקגעגאנגען פון דעם מענטש, איך בין א פרייער פויגל, קיינער צווינגט מיך נישט וואס איך זאל טון, איך האב נישט געזינדיגט. נו ווי אזוי איז דער אייבערשטער דן די גוף מיט די נשמה? דער גוף איז פטור, און די נשמה איז פטור.

**האט** אים רבינו הק' געזאגט, אמשול לך משל, איך וועל דיר געבן א משל דערויף. עס איז געווען איינער וואס האט געהאט א גארטן, און עס זענען געווען דארטן צוויי מענטשן, איינער איז געווען א בלינדער, וואס האט נישט געזעהן וואס עס טוט זיך, ער האט נישט געזעהן די פירות אינעם גארטן. דער צווייטער איז געווען א חיגר, א הינקעדיגער, וואס ער האט נישט געקענט גיין נעמען פון די פירות. האט דער חיגר געזאגט פאר דעם סומא, דו ביסט דאך בלינד, דו זעהסט נישט, אבער איך זעה יא. דא איז דא גוטע פירות וואס מען קען עסן דערפון, איך בין אבער א הינקעדיגער, איך קען נישט צוגיין דערצו, הייב מיך אויף, און טראג מיך צו, צו די פירות, און איך וועל אראפנעמען פון די פירות, איך וועל האבן צו עסן, און דו וועסט האבן צו עסן. איז געגאנגען דער סומא, און ער האט אהינגעטראגן דעם חיגר, און זיי האבן געמאכט דארט א סעודה פון די פירות וואס איז געווען.

**דער** בעל הבית קומט אן שפעטער, און ער זעהט ווי מען האט אים אויפגעגעסן די פירות. און ער פרעגט, ווער האט דאס געמאכט? זאגט דער חיגר, איך האב עס נישט געקענט מאכן, איך בין דאך א הינקעדיגער, איך קען דאך נישט גיין. דער סומא זאגט, איך האב דאך אפילו נישט געוואוסט אז עס איז דא פירות, ווייל איך בין דאך א בלינדער. האט ער פארשטאנען ווי אזוי די צוויי האבן זיך צוזאמגעשטעלט. האט ער געזאגט, פיין, איך וועל ענק צוזאמשטעלןביידע צוזאמען, און אזוי וועל איך ענק דן זיין. - די זעלבע זאגט דער אייבערשטער פארן מענטש. דער גוף אליין קען נישט זינדיגן, די נשמה אליין קען אויך נישט זינדיגן, לעתיד וועל איך צוזאמשטעלן דעם גוף מיט די נשמה, און אזוי וועל איך זיי דן זיין. יקרא אל השמים מעל, ואל הארץ לדון עמו (תהלים נ-ד), השמים גייט ארויף אויף די נשמה, ארץ גייט ארויף אויפן גוף. דער אייבערשטער וועט רופן די גוף מיט די נשמה, און ער וועט זיי צוזאמשטעלן, און אזוי וועט ער זיי דן זיין.

**זאגט** דער ברעזשאנער רב, קומט דאך אויס, אז יעדער פון די צוויי חלקים פונעם מענטש, דער גוף מיט די נשמה, יעדער פאר זיך קען נישט זינדיגן, נאר ווען עס איז דא א חיבור פוןביידע צוזאמען. עס איז דא הלכה ביי שבת (שבת צב:), אז שנים שעשאוה זענען פטור. ווען צוויי מענטשען טוען א זאך, איז מען פטור. ווען עס איז זה יכול וזה יכול, ווען יעדער קען אליין טון, איז אוודאי אז שניהם שעשאוה איז פטור. ווען זה אינו יכול וזה אינו יכול, נאר צוזאמען קענען זיי, איז א מחלוקת. דער תנא קמא זאגט, אז מען איז חייב, ווייל דאס איז דער דרך המלאכה, אז דער קען נישט אליין, און ער קען נישט אליין. און רבי שמעון זאגט, אפילו הכי איז ער פטור. א משל, צוויי מענטשן כאפן אן א בענקל, און מען טראגט עס ארויס צוזאמען, זענען זיי פטור. ווייל א בענקל קען איין מענטש אליין טראגן, און ווען צוויי מענטשען האבן עס געטראגן, איז מען פטור, עס איז נישט די דרך פון א מלאכה. אבער ווען עס איז א גרויסער טיש, און איינער אליין קען עס נישט טראגן, מען דארף האבן צוויי, איז דאס דער וועג ווי אזוי מען טראגט עס, האלט דער תנא קמא אז מען איז חייב. רבי שמעון זאגט, ניין, מען איז נישט חייב אויף קיין מלאכה נאר אז מען טוט עס אינגאנצן אליין. אפילו דער קען נישט, און יענער קען נישט, און זיי האבן ארויסגעטראגן דעם טיש צוזאמען, זענען זיי פטור.

**קומט** דאך אויס, אז דער גוף און די נשמה איז דאך אויך די זעלבע. זה אינו יכול וזה אינו יכול, יעדער

פאר זיך קען נישט. לויט די חכמים איז מען חייב, ווייל ווען צוויי מענטשען קענען נישט, און מען האט עס געטון צוזאמען, איז מען חייב. ווען איך לערן אבער ווי רבי שמעון, אז זה אינו יכול וזה אינו יכול איז פטור, זענען זיי פטור, ווייל צוויי מענטשען האבן עס געטון. - האט רבי שמעון געזאגט, יכול אני לפטור את כל העולם כולו מן הדין, לויט מיין שיטה וואס איך האלט ביי שבת, אז זה אינו יכול וזה אינו יכול איז מען פטור, קען איך פטר'ן די גאנצע וועלט מן הדין. דער גוף און די נשמה, דאס איז א זה אינו יכול וזה אינו יכול, זענען זיי פטור.

**מען** קען צוגעבן דערצו, אז עס איז נישט אזוי פשוט דער פשט. ווייל עס זענען דא ראשונים, תוספות אויפן פלאץ לערנט דארט, אז די הלכה איז נאר געזאגט געווארן ביי שבת, און נישט ביי אנדערע איסורים. ביי שבת איז דא א מיעוט דערויף אז מען איז פטור, אבער ביי אנדערע עבירות, אז צוויי מענטשען טוען עס צוזאמען, איז מען יא חייב אפילו לויט רבי שמעון. - נאכדעם איז דא א **מקור חיים** (סימן רסו סק"ז) וואס ער זאגט, אז אפילו רבי שמעון וואס ער פטר'ט ביי שבת, האט ער נאר גע'פטר'ט פון צו ברענגען א קרבן. 'בעשותה' (ויקרא ד-כז) גייט ארויף אויף א קרבן, אבער מלקות און מיתה איז דא אפילו ביי שנים וואס האבן עס געטון, ווען עס איז זה אינו יכול וזה אינו יכול (עיין שבת צג.). אבער נישט יעדער האלט אזוי, עס איז דא א **ריטב"א** (קידושין מג.) וואס זאגט בפירוש, אז ביי אלע מצות פון די תורה איז די זעלבע, שנים שעשאוה איז מען פטור. און נישט נאר פטור פון א קרבן, נאר מען איז פטור פון מלקות, און מען איז פטור פון עונשים. איז דאך אויסגעהאלטן וואס דער מהרש"ם זאגט, אז לויט רבי שמעון איז מען פטור.

**וועגן** דעם האט מען גערופן רבי שמעון מיטן נאמען 'שבת'. רבי שמעון זאגט דאך יכול אני לפטור את כל העולם כולו מן הדין, און דאס נעמט זיך פון זיין הלכה וואס ער האט געזאגט ביי שבת, אז זה אינו יכול וזה אינו יכול איז מען פטור. האט מען גערופן רבי שמעון 'שבת', מעורר צו זיין די הלכה וואס רבי שמעון האט געלערנט ביי שבת, וואס דאס פטר'ט די גאנצע וועלט מן הדין, אז זה אינו יכול וזה אינו יכול איז מען פטור.

*

**ווען** ער האט געענדיגט דעם דבר תורה, האט ער געזאגט, היינט איז דאך ל"ג בעומר, און ל"ג בעומר איז דאך די הילולא פון רבי שמעון. איז גרויס דער זכות פון רבי שמעון, אז אין הימל זאל מען פסק'נען היינט אזוי ווי ער לערנט, און ער זאגט, אז זה אינו יכול וזה אינו יכול איז מען פטור, און מען איז פטור היינט פון דין. ער האט געוואלט זאגן א מליצה אויף די רביצין. עס איז געווען די הקמת המצבה, און עס איז געווען ל"ג בעומר, האט ער געזאגט, אז אין ל"ג בעומר אליין פסק'נט מען ווי רבי שמעון, און רבי שמעון האלט אז זה אינו יכול וזה אינו יכול, איז פטור, איז יכול אני לפטור את העולם מן הדין. - דער מהרש"ם שרייבט אבער נישט קיין שום ראיה דערצו, אז ווייל עס איז די יומא דהילולא פון רבי שמעון, וועגן דעם פסק'נט מען אזוי ווי רבי שמעון. ער זאגט עס נאר אזוי אלץ א מליצה.

**עס** קען זיין, אז עס האט א מקור אין די גמרא. די גמרא (כתובות קג:) פארציילט, אז ווען רבינו הק' איז נסתלק געווארן, איז געווען א געוואלדיגע לויה. רבינו הק' איז דאך געווען דער מאור הגולה, ער האט מסדר געווען די משניות. עס איז געווען ערב שבת, און עס איז געשעהן א נס, אז דער טאג האט זיך אויסגעצויגן, מען זאל זיך קענען מתעסק זיין געהעריג מיט די קבורה. באשכבתיה דרבי, ביי די לויה, איז ארויסגעקומען א בת קול וואס האט געזאגט, אז ווער עס איז געווען ביי די לויה פון רבינו הק', איז מזומן לחיי העולם הבא. פארציילט די גמרא, אז עס איז געווען דארט א כובס, א וועשער, וואס עס איז אים נישט אויסגעקומען צו זיין ביי די לויה פון רבי. ווען ער האט געהערט, אז ער האט געהאט א געלעגענהייט צוצוקומען צו חיי עולם הבא, און ער האט עס פארלוירן, איז ער פון גרויס צער ארויפגעגאנגען אויפן דאך, און ער האט זיך אראפגעווארפן, ער האט זיך גע'הרג'ט. יצאת בת קול, אז דער כובס איז אויך מזומן לחיי עולם הבא.

**תוספות** אויפן פלאץ פרעגט, וואס איז די גרויסקייט פון דעם בת קול. כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא (סנהדרין צ.), יעדער יוד האט א חלק לעולם הבא, וואס האט מען דא אויסגערופן אז ער איז מזומן לחיי העולם הבא. זאגט תוספות, יא, יעדער יוד איז מזומן לחיי העולם הבא, אבער ער דארף אדורכגיין יסורים מיט דינים, ביז ער קומט צו,

צו זיין חיי עולם הבא. ער דארף אפמעקן וואס ער האט קאליע געמאכט. אבער דער וואס איז געווען באשכבתיה דרבי, איז מזומן לחיי העולם הבא, ער גייט גראד אריין אין גן עדן. ער קומט צו זיין חלק לעולם הבא, אן דעם וואס ער זאל דארפן אדורכגיין דינים.

**וואס** איז טאקע די גרויסקייט, אז ווייל ער איז געווען ביי די לויה פון רבי, איז ער מזומן לחיי העולם הבא. זעהט אויס, אז כבוד התורה, וואס א יוד איז מכבד תורה, האט א געוואלדיגן זכות אויבן אין הימל. מען האט מכבד געווען רבינו הק', עס איז געווען די לעצטער כבוד וואס מען האט געקענט געבן פאר רבינו הק', איז ווער עס איז געווען ביי די לויה, האט א בת קול אויסגערופן, אז ער איז מזומן לחיי העולם הבא.

**פארוואס** איז כבוד התורה אזוי גרויס? מען געפונט אין די גמרא (מגילה ג:) אקעגן מקרא מגילה, אז עס איז זייער א חשוב'ע מצוה. מבטלין תלמוד תורה כדי צו הערן די מגילה. דאס איז טייטש, א מענטש קען אין די צייט לערנען, און ער קען ליינען די מגילה, זאגט די גמרא, לערן נישט, עס איז וויכטיגער צו ליינען די מגילה. פרעגט די גמרא, אז מקרא מגילה איז אזוי וויכטיג, אז מען איז מבטל תלמוד תורה פון א יחיד, פארוואס ווען א תלמיד חכם גייט אוועק אין פורים, איז די הלכה, אז אין מועד בפני תלמיד חכם (מועד קטן כז:). מען לייגט פורים אין דער זייט, און מען איז זיך מתעסק, און מען איז מספיד דעם חכם. פארוואס? דו זאגסט דאך, אז מקרא מגילה איז חשוב'ער פון לימוד התורה. זאגט די גמרא, כבוד התורה שאני, עס איז א חילוק צווישן 'תלמוד' תורה פון א יחיד, און 'כבוד' התורה פון א יחיד. תלמוד תורה פון א יחיד, א שעה לערנען, זיי מבטל. אבער געבן כבוד פאר א תלמיד חכם, איז חשוב'ער פון תלמוד תורה דיחיד, און אין מועד בפני חכם.

**דער שפת אמת** (שם) איז מסביר, פארוואס איז אזוי גרויס כבוד תלמידי חכמים? זאגט ער, ווען א מענטש לערנט, האט ער א שעה תורה. זאגט מען, די שעה תורה געב אוועק פאר מקרא מגילה. ווען מען איז מכבד א חכם וואס גייט אוועק פון די וועלט, איז מען מכבד זיבעציג יאר תורה! די אלע יארן וואס דער יוד האט זיך געפלאגט אויף תורה, פארלירט מען יעצט ווען ער גייט אוועק פון די וועלט. איז דער כבוד וואס מען גיט, גיט מען נישט יעצט פאר א בלאט גמרא וואס מען האט געלערנט, נאר מען איז יעצט מכבד תורה וואס א יוד האט זיך געפלאגט זיינע גאנצע זיבעציג יאר! און מכבד זיין תורה פון אזויפיל יארן לערנען, דאס איז די חשוב'סטע זאך, וועגן דעם איז כבוד התורה חשוב'ער פון מקרא מגילה. - על כל פנים, מען רעדט דא פון כבוד התורה, אז ווער עס איז געווען באשכבתיה פון רבינו הק', איז מזומן לחיי העולם הבא. עס איז אזוי גרויס דער זכות, אז דער שכר דערפאר איז, אז מען איז מזומן לחיי העולם הבא.

*

**עס** איז דא א ספר **נחל יצחק** פון **רבי יצחק אלחנן** (מקאוונע). שרייבט ער דארט (חושן משפט ו, בהקדמה) זייער א שיינעם פשט אויף די גמרא, פארוואס מען האט אויסגערופן אז מען איז מזומן לחיי העולם הבא. זאגט ער אזוי, אז עס שטייט אין מדרש (ויק"ר כ-יב) אז מיתת צדיקים איז מכפר אזוי ווי יום הכיפורים. עס שטייט אין פסוק (ויקרא טז-א) אחרי מות שני בני אהרן, און נאכדעם ווערט דערמאנט די פרשה פון יום כיפור. אז דער מות שני בני אהרן, איז מכפר אזוי ווי יום כיפור. קומט דאך אויס, ווען עס גייט אוועק א אדם גדול, א צדיק גייט אוועק, איז עס אזוי ווי יום כיפור. יום כיפור איז מכפר, דאס איז אויך מכפר. מען געפונט אבער ביי יום כיפור, אז עס איז נאר מכפר לשבים, ואינו מכפר לאינם שבים (יומא פה:). קומט אויס, אפילו מען זאגט אז מיתת צדיקים איז מכפר אזוי ווי יום כיפור, איז עס נאר מכפר אז מען האט תשובה געטון. אבער לאינם שבים איז עס נישט מכפר. רבינו הק' האלט אבער, אז יום כיפור איז מכפר פאר ביידע, לשבים ולשאינם שבים. זאגט רבי יצחק אלחנן, לויט רבינו הק', אז מיתת צדיקים איז אזוי ווי יום כיפור, איז עס דאך אויך מכפר לשבים ושאינם שבים. וועגן דעם באשכבתיה דרבי, ווען עס איז געווען די לויה פון רבינו הק', האט מען אין הימל גע'פסק'נט אזוי ווי רבי, וואס רבי האלט, אז יום כיפור איז מכפר לשבים ולשאינם שבים, האט דאך מיתת צדיקים אויך מכפר געווען לשבים ולשאינם שבים. יצאה בת קול, אז ווער עס איז געווען היינט באשכבתיה דרבי איז מזומן לחיי העולם הבא. עס איז אזוי ווי יום כיפור, און עס איז מכפר לשבים ולשאינם שבים, איז ער מזומן לחיי

העולם הבא. - עכ"פ האבן מיר שוין א מקור אין די גמרא, אז אפילו להלכה פסק'נט מען נישט ווי רבי, אבער באשכבתיה דרבי, האט מען אין הימל געגעבן דרך ארץ פאר רבי. און מען האט גע'פסק'נט אז עס איז מכפר לשבים ולשאינם שבים, אזוי ווי די שיטה פון רבי.

**עס** איז דא ראשונים וואס האלטן, אז די מעשה פון אשכבתיה דרבי, איז נישט געווען די לויה, נאר עס איז געווען ביי זיין הספד. נאך א יאר האט מען צוזאמגערופן דעם עולם נאכאמאל, מספיד צו זיין רבי, בעפאר עס האט זיך געענדיגט די יאר. און דאס איז געווען די אשכבתיה דרבי, און דעמאלטס איז ארויסגעקומען דער בת קול. איז דאך טייטש, אז אפילו עס איז שוין נישט געווען די לויה פון רבי, עס איז נאר געווען דער הספד וואס מען האט געמאכט לכבוד רבי, פון דעסטוועגן דאך האט מען גע'פסק'נט דעמאלטס אזוי ווי רבי. - איז דער מהרש"ם רוהיג צו פארשטיין, וואס ער זאגט, אז ל"ג בעומר, וואס דעמאלטס איז די יומא דהילולא פון רבי שמעון, פסק'נט מען ווי רבי שמעון, וואס רבי שמעון זאגט, יכול אני לפטור את כל העולם כולו מן הדין. - און אז מען איז נאך זוכה אויך צו זיין אין מירון אין דעם טאג, איז עס דאך ממש אתרא דרבי שמעון, איז אוודאי אז די אלע וואס זענען דארט, זיי זענען מתפלל פאר גאנץ כלל ישראל, איז יכול אני לפטור את כל העולם כולו מן הדין, קען מען אוועק נעמען אלע דינים וואס איז דא אויף יודען.

*

**מען** געפונט אין די גמרא (מנחות כט:), אז רבי עקיבא האט דורש געווען על כל קוץ וקוץ, אויף יעדע שטרעכל וואס איז דא אין די תורה, תילין תילין של הלכות. און משה רבינו האט געזעהן ווי דער אייבערשטער שרייבט כתרים אויף די אותיות, האט ער געפרעגט, וואס איז דאס. האט דער אייבערשטער געזאגט, עס גייט זיין א יוד רבי עקיבא, און ער וועט דרש'נען די אלע קוצין. משה רבינו האט געוואלט זעהן רבי עקיבא, און דער אייבערשטער האט אים געוויזן. עס איז אן אריכות אין די גמרא. וואס איז דער ענין, אז רבי עקיבא האט דורש געווען כל קוץ וקוץ שבתורה. עס שטייט נישט אויף אנדערע תנאים, אז רבי יוסי אדער רבינו הק' זאלן דרש'נען אויף יעדן קוץ, תילין תילין של הלכות. נאר רבי עקיבא האט גע'דרשנ'ט אויף יעדן קוץ, תילין תילין של הלכות.

**מען** ווייסט, אז רבי עקיבא איז געווען פון די עשרה הרוגי מלכות. עס שטייט פון **רבי שמשון אוסטראפאליער** (הובא **בפרדס יוסף** פ' בחוקותי אות ע), אז די עשרה הרוגי מלכות זענען געווען, מכפר צו זיין אויפן חטא פון מכירת יוסף, וואס איז געווען דורך די שבטים. עס איז אבער נישט געווען קיין צען שבטים, עס איז דאך נאר געווען ניין. יוסף איז דאך נישט נכלל, ער דארף נישט קיין כפרה. בנימין איז נישט דארט געווען, ראובן איז געווען טרוד בשקו ותעניתו, איז דאך נאר געווען ניין. פארוואס איז דא עשרה הרוגי מלכות? זאגט רבי שמשון אוסטראפאליער, ווייל מען האט מצרף געווען דעם אייבערשטען צו א חרם, אז מען זאל עס נישט מגלה זיין. דארף מען האבן איינעם וואס זאל זיין כביכול במקום פונעם אייבערשטען. און אויף דעם האט מען אויסגעקליבן רבי עקיבא, וואס רבי עקיבא איז געווען דער צענטער פון די עשרה הרוגי מלכות, אקעגן דעם אייבערשטען.

**און** ער טייטשט דעם פסוק (ויקרא כז-לב), וכל מעשר בקר וצאן, כל אשר יעבור תחת השבט, העשירי יהיה קודש לה'. זאגט ער, רבי עקיבא איז דאך געווען דער מעשר, ער איז געווען דער צענטער, און ער איז דאך געווען א רועי בקר וצאן. 'כל אשר יעבור', די אלע ניין וואס זענען אדורכגעגאנגען, 'תחת השבט', איז יעדער געגאנגען אויף זיין שבט. איז דאך געווען ניין. וואס איז מיט רבי עקיבא, 'העשירי', דער רבי עקיבא, יהיה קודש לה', ער איז דער קודש במקום פונעם אייבערשטען. - פארוואס איז פונקט רבי עקיבא אויסגעקליבן געווארן, אז ער איז במקום פונעם אייבערשטען, קודש לה'.

**מען** ברענגט צו (בספר **עמודיה שבעה** עמוד רביעי אות כו) פונעם **אר"י הק'**, וואס שרייבט אויף רבי עקיבא, וואס האט דורש געווען על כל קוץ וקוץ, תילין תילין של הלכות. זאגט ער, אז יעדער יוד האט א אות אין די תורה. עס איז דא ששים רבוא אותיות אין די תורה, און עס איז דא ששים רבוא נשמות. יעדער יוד האט זיין חיות פון א אות אין די תורה, דארט איז ער צוגעבינדען. וואס טוט זיך מיט גרים. א גוי וואס איז זיך מגייר, וואו האט ער זיין חלק אין די תורה? זאגט

דער אר"י הק', אז א גר האט טאקע נישט קיין חלק אין די אותיות פון די תורה, אבער אין די קוצים, אין די תגין וואס איז דא אין די תורה, דארט איז זיין חיות. מען ברענגט צו (**רמב"ם** בהקדמתו לסדר זרעים), אז רבי עקיבא איז געווען א בן גרים, האט ער דאך נישט געהאט קיין חלק אין די אותיות פון די תורה, ער האט נאר געהאט זיין חלק אין די קוצים שבתורה, און וואו א מענטש האט זיין עיקר אות, דארט איז זיין חיות. וועגן דעם, איז רבי עקיבא געווען א אויסנאם אין קוצים, און ער האט גע'דרש'נט על כל קוץ וקוץ, תילין תילין של הלכות.

**מען** קען זאגן אביסל אנדערש אויך. יעדער יוד האט א אות אין די תורה. מען קען פארשטיין, אז צדיקים, קדושים, האבן זייער פלאץ אין די תורה, אויף די הייליגסטע פלאץ וואס איז שייך אין די תורה, דארט איז זייער נשמה. וואס איז די הייליגסטע זאך וואס איז דא אין די תורה? די שמות פונעם אייבערשטען. די נעמען פונעם אייבערשטען, דאס זענען די הייליגסטע ווערטער וואס איז דא אין די תורה. און אזוי ווי יעדער האט דאך א אות אין די תורה, פון וואו ער האט זיין חיות. די צדיקים, האבן זייער חיות, פון די שמות הק' וואס איז דא אין די תורה. - צווישן די שמות, איז דער שם הוי"ה די הייליגסטע פון די שמות. צדיקים האבן זייער שורש פונעם שם הוי"ה וואס איז דא אין די תורה, און פון דארט זענען זיי יונק זייער חיות.

**עס** שטייט פונעם **אר"י הק'** (עץ חיים שער מד פ"ב), אז אין די נשמה פון א מענטש, איז דא פינף ערליי חלקים. נפש, רוח, נשמה, חיה, יחידה. מען זאגט עס אין די פיוטים פון די הייליגע טעג (בקדושת כתר). נפש רוח נשמה חיה, איז די שורש אין די פיר אותיות פונעם שם הוי"ה, פון דארט איז די יניקה פון די פיר חלקים. עס איז דא נאך א חלק, וואס דאס איז יחידה, יחידה האט נישט קיין שייכות אין די אות פונעם שם, נאר אין די קוצו של יו"ד, דארט איז די שורש פון יחידה. און דער **אר"י הק'** שרייבט (פרי עץ חיים שער ר"ה פ"ב), אז אין די היינטיגע דורות, איז נישט דא קיין נשמות פון יחידה. אלע נשמות זענען נאר פון נפש רוח נשמה חיה. פון די שמות פונעם שם יא, אבער אינעם קוצו של יוד, האט מען נישט קיין קשר. לעתיד, דעמאלטס וועט אויך זיין נשמות פון יחידה. [די פאריגע וואך איז דא אן אריכות אין **אור החיים הק'** (ד"ה ובת כהן) אויף די ענין פון נפש רוח נשמה חיה].

**עס** איז ניתן להאמר, אז היינט איז טאקע נישט דא קיין נשמות פון יחידה, וואס איז אינעם קוצו של יוד. אבער די גאר גרויסע תנאים, רבי עקיבא מיט רבי שמעון, זיי זענען געווען פון די גרעסטע נשמות, זייער שורש נשמה איז געווען פונעם אייבערשטען'ס נאמען, פונעם שם הוי"ה. און אין שם הוי"ה אליין, איז דער קוצו של יוד, דאס איז דער כתר, דאס איז דער העכסטער פון אלעם. און זיי האבן זוכה געווען, אז זייער חיות איז געווען פון דעם אות יו"ד, דער קוצו של יו"ד, דארט איז געלעגן זייער חיות. - דער זיידע דער **שאמלויא'ער רב זצ"ל** (בספרו **אבני המקום**, אבן הראשה אות נה) ברענגט צו דעם אר"י הק' פון יחידה און חיה, און ער זאגט, אז אדם הראשון האט געהאט אלע בחינות, אויך די בחינה פון יחידה, ווייל ער איז געווען יציר כפיו של הקב"ה, האט ער געמוזט זיין בשלימות, האט ער געהאט אלעס. - על כל פנים, עס איז געווען אויף די וועלט יחידה. איז אפילו דער אר"י הק' שרייבט, אז עס וועט נאר זיין לעתיד, מיינט עס אין כלליות, אבער אוודאי איז געווען יחידי סגולה וואס האבן זוכה געווען צו די העכסטע מדריגה. - און אזוי ווי זיין שורש איז געווען פון קוצו של יוד, האט רבי עקיבא דורש געווען על כל קוץ וקוץ, תילין תילין של הלכות.

**קומט** דאך אויס, אז רבי עקיבא, וואס איז געווען פון די העכסטע תנאים וואס איז געווען, דברים שלא נתגלו למשה רבינו, נתגלו לרבי עקיבא (במדב"ר יט-ו), איז דער שורש נשמה פון רבי עקיבא געווען פונעם שם הוי"ה, און פונעם קוצו פונעם יוד פונעם שם הוי"ה, דאס איז געווען די שורש נשמה פון רבי עקיבא. קומט אויס, אז ווען מען האט געדארפט האבן א צענטן וואס זאל פארטרעטן כביכול דעם אייבערשטען, האט מען גענומען רבי עקיבא, וואס זיין שורש איז פונעם שם הוי"ה, פונעם אייבערשטען'ס נאמען, אז ער זאל פארטרעטן דעם אייבערשטען.

**רבי** שמעון, וואס איז געווען א תלמיד פון רבי עקיבא, האט אויך זוכה געווען צו די אלע מדריגות וואס רבי עקיבא האט געהאט. און די נשמה פון רבי שמעון איז אויך פונעם שם הוי"ה, און פונעם קוצו

של יוד, וואס דאס איז די העכסטע, דארט איז די נשמה פון רבי שמעון. - וועגן דעם זאגט מען אויף רבי שמעון, בר יוחאי, יוד חכמה קדומה, השקפת לכבודה פנימה. רבי שמעון איז דאך געווען פון דעם אות יו"ד פונעם שם הוי"ה, וואס דער אות יוד איז דאך חכמה. און פון דעם איז ער געווען קדומה, אינעווייניג אין דעם קוצו של יוד. און וועגן דעם האט ער זוכה געווען צוצוקומען צו אלע זיינע מדריגות שפעטער. - דער קוצו של יוד ווערט אנגערופן 'כתר', וועגן דעם איז כתר עליון לו נגלה, אויף רבי שמעון איז נתגלה געווארן דער קוצו של יוד, דער כתר עליון.

**תמצית** הדברים קומט אויס, אז די שורש און די חיות פון רבי שמעון איז געקומען פונעם שם הוי"ה פונעם אייבערשטען'ס נאמען. דער שורש פון א מענטש, פון וואו ער איז, דערקענט זיך אויף זיין פנים. די וואס קענען אפליינען דעם פנים, די קענען זעהן פון וועלכע אות דער מענטש איז דבוק אין די תורה. אזוי ווי רבי שמעון איז געווען פונעם שם הוי"ה, איז יראה כל זכורך את 'פני' ה' אלקיך, דא רבי שמעון. אז מען זאל זעהן דעם פני ה' אלקיך, דאס האט מען געזעהן ביי רבי שמעון. רבי שמעון'ס שורש איז דאך געווען אין דעם שם הוי"ה, און דארט איז געווען דער פני ה' אלקיך. מען מיינט נישט צו זאגן ח"ו אז ער איז געווען אזוי גרויס ווי דער אייבערשטער, נאר די שורש נשמה פון רבי שמעון איז געקומען פונעם שם הוי"ה, און פון דעם חשוב'סטן פלאץ פונעם שם הוי"ה, וואס דאס איז אין דעם שם הוי"ה. ממילא איז יראה כל זכורך את פני ה' אלקיך, דאס איז רבי שמעון.

*

**רבי** שמעון איז דאך יכול לפטור את כל העולם כולו מן הדין, ער האט די כוחות צו פטר'ן די גאנצע וועלט. און ווי מען האט פריער גערעדט, אז כל שכן אין א טאג וואס גאנץ כלל ישראל פריידט זיך מיט, מיט זיין הילולא. עס איז נישט דא נאך אזא תנא, וואס מען זאל זעהן, אז עס זאלן זיין יודען וואס זאלן האבן אזא קשר צו רבי שמעון. ישראל אף על פי שאינם נביאים, בני נביאים הם (פסחים סו.), אז גאנץ כלל ישראל פירט זיך אזוי, איז טייטש אז עס איז דא א קשר דערצו. און וואס איז דער קשר? ווייל רבי שמעון זאגט, יכול אני לפטור את כל העולם כולו מן הדין. און יעדער איינער וויל זיך דאך פטר'ן פונעם דין, ממילא דורך דעם קשר וואס מען האט צו רבי שמעון, קען מען זוכה זיין דערצו, אז עס זאל זיין די הלכה ווי רבי שמעון, אז עס זאל זיין יכול אני לפטור את כל העולם כולו מן הדין. - דאס איז דער קשר וואס יעדער יוד האט צו רבי שמעון.

**אונז** זעמיר זייער ווייט פון רבי שמעון, און זייער ווייט פון זיין לימוד התורה, זיין גרויסקייט וואס איז געווען אין תורה. אבער סוף כל סוף, יעדער יוד לערנט מאמרים אין ש"ס פון רבי שמעון. אונז האב מיר א שייכות מיט רבי שמעון א גאנץ יאר אויך, און כל שכן ווען עס קומט די יומא דהילולא פון רבי שמעון, וואס ער ווערט נתעלה אויבן אין הימל, און גאנץ כלל ישראל איז זיך מדבק דעמאלטס אין דעם הייליגן תנא, איז זיכער אז עס איז מעורר זיין זכות אויבן אין הימל, אז יכול אני לפטור את כל העולם כולו מן הדין, צו פטר'ן אונז אלע פון די אלע דינים, און פון אלע שוועריקייטן וואס מען גייט אדורך, וואס דאס אלעס ליגט דאך אין די מדה פון דין, און רבי שמעון האט דעם כח, רבי שמעון קען פטר'ן די וועלט מן הדין. ווייל מען האט דאך פריער געזאגט, אז דער שורש נשמה פון רבי שמעון איז פון דער שם הוי"ה, און דער שם הוי"ה דאס איז דאך א שם פון רחמים, איז דאך די גאנצע מציאות פון רבי שמעון א רחמים'דיגע מציאות, וואס איז היפך פונעם דין. איז יכול אני לפטור את כל העולם כולו מן הדין, עס זאל נתעורר ווערן רחמים אויפן כלל ישראל, רפואות און ישועות מיט אלעם וואס אונז דארף מיר האבן. יראו עינינו וישמח לבינו ותגל נפשינו, אונז זאל מיר זוכה זיין צו גיין בקרוב אקעגן משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.